בס"ד

א' פרשת ואתחנן תשע"א לפ"ק

צו מיינע טייערע חשובע קינדער שיינדי, משה און יוסי שיחי'

טייערע קינדערלעך, דא רעדט טאטי צו ענק, וויסן זאלט עטס אז טאטי האט ענק זייער שטארק ליב,
**א טאטע בלייבט א טאטע.**

אזוי ווי ענק גייען וואוינען אין א שטאט ווייט פון טאטי, און עס קען זיין אז מיר וועלן זיך נישט קענען טרעפן אין די קומעדיגע פאר יאר, דעריבער זאלן ענק געדענקען אז
**א טאטע בלייבט א טאטע.**

טאטי האט ענק אינזינען בייטאג און ביינאכט, ווייל
**א טאטע בלייבט א טאטע.**

ווען אימער ענק וועלן קענען - און וועלן - קומען צו טאטי, זאלן ענק וויסן אז טאטי האט א אפענע הארץ און טיר אלעמאל פאר ענק, ווייל
**א טאטע בלייבט א טאטע.**

טאטי בעט פאר ענק כסדר מיט הייסע טרערן אז אלעמאל זאל ענק זיין זיס און לעבטיג,
**א טאטע בלייבט א טאטע.**

אונזער הייליגע טאטע אין הימל זאל אונז העלפן אז מיר זאלן עס לייכט אריבער טראגן ביז משיח צדקנו וועט קומען אין גיכען, און ביז דעמאלטס זאלן מיר אלע געדענקען אז
**א טאטע בלייבט אליץ א טאטע.**

אייער געטרייע טאטע

קלמן יהושע ווייס (פראממער)